דעם אור פאר אונזער דור

# בעיקבתא דמשיחא

גליון ח'
אלול
תשפ"ו
אידיש

מתוך שיחות ושיעורים של
הרה"ק מקאסוב זצוק"ל

מעורך באידיש
בלשון הטהור

## בָּנִים אַתֶּם לַה' אֱלֹקֵיכֶם

מתוך דברות קודש אצל סעודת ר"ח אלול תשע"ט

### אני לדודי – ודודי לי

**אלול – ימי הרחמים והרצון** • פון ר"ח אלול ביז יום כיפור – איין לאנגע עבודה • **וואס לערנען מיר זיך פונעם חטא העגל?** • וועלעכע טאטע וויל אויסמעקן א קינד? • **ס'איז נישט די עצם חטא, ס'איז עפעס טיפער** • חודש אלול – דערהערן די נאנטשאפט • **די גרעסטע מתנה – עומק מחשבתו פונעם אויבערשטן** • עטריישאפט ווייזט מען ארויס דורך יגיעה • **די ריכטיגע אהבה – ווען דער קינד קען נישט אליין** • אונז קענען גארנישט אן דעם אויבערשטן **וּבְךָ בָּחַר ה' לִהְיוֹת לוֹ לְעַם סְגֻלָּה** • יום כיפור איז דער בעסטער טאג פונעם יאר • **ימים נוראים איז נישט א יערליכע פראגראם** • נישט פאלן פאר די פלפולים פונעם בעל דבר

## אלול — ימי הרחמים והרצון

מיר גייען יעצט אריין אין די טעג פון **חודש אלול**, וואס אין די טעג מאכן מיר א הכנה דרבה לקראת די ימים נוראים, ראש השנה און יום הקדוש הבעל"ט. ווי די ספרים הקדושים זאגן אונז, אבער, זענען די טעג פון חודש אלול גאנץ אנדערע סארט טעג ווי די טעג פון חודש תשרי, און מיר דארפן זיך אביסל אין דעם מתבונן זיין: **וואס טאקע איז דער חילוק פון די טעג פון חודש אלול און די טעג פון חודש תשרי**.

נאר די ספרים הקדושים זענען אונז מסביר אז די טעג פון חודש תשרי, ראש השנה און יום הקדוש, ווערן אנגערופן די **ימי דין**, ווען ס'איז "מֶלֶךְ בְּמִשְׁפָּט יַעֲמִיד אָרֶץ", טעג וואס מ'איז דן יעדן איינעם צי ער איז יא גוט צי נישט גוט. אבער די טעג פון חודש אלול זענען די טעג וואס ווערן אנגערופן **ימי הרחמים והרצון**, ווי די ספרים הקדושים טייטשן, אז אלול איז נוטריקון "**אני לדודי ודודי לי**", דאס ווייזט אז אין די טעג פון אלול ווערט **נתגלה א מורא'דיגע אהבה און ליבשאפט צווישן אידן און דעם רבונו של עולם**, און עס ווערט **פארשטארקט די נאנטשאפט און דער קשר וואס דער אויבערשטער האט צו כנסת ישראל**.

## פון ר"ח אלול ביז יום כיפור — איין לאנגע עבודה

די טעג פון **חודש אלול** זענען די טעג וואס משה רבינו איז ארויף אין הימל דאס צווייטע מאל נאכ'ן חטא העגל אויסצו'פועל'ן ביים אויבערשטן צוריקצוקומען **זיין נאנט צו אידישע קינדער**, און ווי מיר ווייסן איז דער סוף פון די פערציג טעג געווען אז דער אויבערשטער האט געזאגט דעם "**סָלַחְתִּי כִּדְבָרֶךָ**" און משה רבינו האט אראפגעברענגט די **לוחות שניות** צו כלל ישראל.

דער **זוהר הקדוש** (זו"ח כי תצא צו:) איז אונז מגלה אז זייט דעמאלט זענען די טעג פון חודש אלול געבליבן מסוגל'דיגע טעג וואס יעדער איד זאל קענען באנייען און פארשטארקן זיין פערזענליכן קשר מיט'ן אויבערשטן, **נישט קיין חילוק אויף וואספארא נידריגן מצב מען געפינט זיך**. נאך מער, פון דעם וואס אידן האבן דעמאלט זוכה געווען צו באקומען די לוחות שניות, דאס הייסט אז דער באשעפער האט זיי פון פריש געגעבן די תורה, דאס ווייזט אויף א **מורא'דיגער התקשרות און התקרבות** וואס זיי האבן זוכה געווען נאך דער עבודה וואס זיי האבן אראפגעלייגט אין די טעג.

## וואס לערנען מיר זיך פונעם חטא העגל?

ממילא, ווען עס קומט צו אונז אזא מורא'דיגער זמן פון התקרבות, און אז מיר זעען אינעם **זוהר הקדוש** אז דער שורש פון די זמנים איז געבויט אויף דעם וואס אין די טעג איז משה רבינו ארויף אין הימל מכפר צו זיין אויפ'ן חטא העגל, איז כדאי מיר זאלן זיך **מתבונן זיין אין דעם עומק פונעם חטא העגל**, וואס האט ליידער צוגעברענגט אזא גרויסן קטרוג אויף כלל ישראל, און וויאזוי כלל ישראל האט זיך טאקע צוריקגעכאפט און תשובה געטון אויף אזא מורא'דיגן פארנעם אין די טעג פון חודש אלול, ביז צו דעם הייליגן טאג יום כיפור, ווען דער אויבערשטער האט געזאגט דעם "סָלַחְתִּי כִּדְבָרֶךָ", וואס האט זיי **צוריק פאראייניגט מיט אן אויסטערלישער התקרבות**.

נאר איינע פון די זאכן וואס איז ווי די גרעסטע פליאה ווען עס קומט צו דעם חטא

פטרון הגליון
ידידינו הר"ר **אליעזר דוד חיימאוויטש** הי"ו
לע"נ **חי' שרה** בת **יקתואל ארי'** ע"ה

פרנס הגליון
ידידינו הר"ר **ראובן חיים סאבעל** הי"ו
לרגל שמחת אירוסי בתו
עב"ג הבה"ח המופלג בתוי"ש **משה כ"ץ** נ"ו בשעטומ"צ

הפצה בקאנטרי
לע"נ הרה"ח המפורסם מו"ה **טובי' יוסף** בן מו"ה משה ז"ל **לעפקאוויטש**
נפטר י"ז סיון תשפ"ד לפ"ק

הדפסת הגליון
ידידינו הר"ר **משה אליהו ניימאן** הי"ו
לרגל שמחת **הכנסת בנו לעול התורה ומצוות** בשעטומ"צ
ולרגל הולדת הנכד אצל בנו הר"ר **דוד** הי"ו

העגל איז דאס וואס מען זעט אז נאך וואס כלל ישראל האט ליידער געטון וואס זיי האבן געטון האט דער רבונו של עולם אזוי געצערנט אויף זיי, עד כדי כך אז ער האט געזאגט פאר משה רבינו, **"הֶרֶף מִמֶּנִּי וְאַשְׁמִידֵם וְאֶמְחֶה אֶת שְׁמָם מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם"** - כ'וועל זיי אינגאנצן פארניכטן, רחמנא ליצלן; זיי האבן אזוי בוגד געווען אין מיר אז ס'לוינט זיך מיר נישט מער זיי צו האלטן.

## וועלעכע טאטע וויל אויסמעקן א קינד?

לכאורה קען יעדער איינער וואס האט נאר קינדער אין שטוב מעיד זיין אז אפילו אין א צייט וואס א קינד פירט זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין, אפילו ער האט געטון גאר א הארבע זאך, וועט דער טאטע אים נישט פארשיקן אינגאנצן פון שטוב. אמאל קען עס אפשר זיין א סטראשע, אבער נישט אויף הלכה למעשה. ווייל דאך, **די אהבה וואס ס'איז דא צווישן א טאטן צו א קינד איז גאר א שטארקע אהבה וואס וועט נישט אינגאנצן נתבטל ווערן צוליב א חטא.**

אפילו אויב זאל דער חטא אפגעטון ווערן קעגן א צווייטן וואלט דאס יענער יא אנגעקוקט אלס גאר א הארבע זאך, **וועט עס דער טאטע גאר אנדערש דן זיין.** וויפיל א קינד וועט שפייען דעם טאטן אין פנים, וועט דער טאטע זאגן אז ס'רעגנט... ווייל דאס איז די מציאות, די אהבה וואס א טאטע האט צו זיין קינד איז גובר אפילו ווען דאס קינד איז נישט ווי עס דארף צו זיין.

ווידער ביים חטא העגל זעען מיר אבער גאר אן אנדער בילד. דער אויבערשטער האט אזוי געצערנט אויף כלל ישראל אויף אזא געפערליכן פארנעם, אז ער זאגט: **"דאס איז עס, אֶמְחֶה! איך וויל אייך אויסמעקן, איך דארף אייך נישט האבן!"**

## ס'איז נישט די עצם חטא, ס'איז עפעס טיפער

ווען כלל ישראל האט דאס געהערט זענען זיי מורא'דיג אויפגעשאקלט געווארן. וועלכער נארמאלער טאטע וואלט אזוי געצערנט אויף זיינס א קינד? "כְּרַחֵם אָב עַל בָּנִים", שטייט דאך. א טאטע אדער מאמע וואלט דאך קיינמאל נישט אזוי ארויסגעווארפן א קינד, אפילו ווען ער וואלט געטון די גרעסטע נארישקייט. **וואס איז פשט אז מיר זענען דא יא אנגעקומען צו אזא נידריגער דרגה אז דער אויבערשטער איז גרייט אונז אינגאנצן צו פארניכטן און אויסמעקן, רחמנא ליצלן.**

נאר דער עומק פון דעם איז אז ס'איז טאקע נישט דער **עצם חטא** וואס איז דא געווען אזוי געפערליך, וואס פארדעם האט דער אויבערשטער אזוי געצערנט, ווי מ'זאגט דאך, "אֵין צַדִּיק בָּאָרֶץ אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה טּוֹב וְלֹא יֶחֱטָא"; נאר דער אויבערשטער האט געוואלט אז כלל ישראל זאל זיך אויפוועקן אז **עפעס טיפערס ווי דער עצם חטא איז וואס עס טויג נישט דא.** אידן זאלן טאקע כאפן דעם שאקל און אריינטראכטן וואס ס'האט צוגעברענגט דערצו אז זיי זענען נכשל געווארן מיט אזא חטא.

פון דעם וואס דער אויבערשטער איז אזוי בכעס אז ער זאגט, "אֶמְחֶה, איך וועל אייך אויסמעקן", א שפראך וואס מען הערט נישט פון א טאטן צו א קינד, **מוז זיין אז עפעס טויג טאקע נישט דא מיט דעם עצם קשר אונזערן מיט'ן אויבערשטן.** וואלט אונזער ליבשאפט און התקשרות צום אויבערשטן געווען ווי א קינד צום טאטן, וואלטן מיר נישט צוגעקומען צו אזא שפל המצב, רחמנא ליצלן. **דער "אֶמְחֶה" וואס דער אויבערשטער זאגט, דאס האט זיי מגלה געווען זייער פראבלעם, אז ס'פעלט אין דער הכרה אז דער רבונו של עולם איז טאקע אזוי נאנט צו אונז ווי א טאטע-מאמע.**

דער תכלית וואס דער רבונו של עולם וויל פון אונז איז נישט סתם אז מ'זאל היטן די תורה און מקיים זיין מצוות טרוקענערהייט, נאר ער **וויל האבן א קשר פנימי מיט יעדן איד**, ווי די נאנטקייט וואס א טאטע–מאמע האבן צו זייערס א קליין קינד. און אויב דינט מען נישט דעם אויבערשטן מתוך אן אהבה און התקשרות קען מען ליידער צוקומען צו אזא שפל המצב פון א חטא העגל אפילו מ'האלט נאר קנאפע פערציג טעג פונעם מעמד הר סיני, קבלת התורה.

## חודש אלול — דערהערן די נאנטשאפט

און ווי מיר זעען האט דאס כלל ישראל גאר גוט געכאפט און דערהערט, און זיי האבן זיך טאקע גענומען צו דער ארבעט צוריקצובויען דעם פנימיות'דיגן קשר מיט'ן רבונו של עולם נאך אסאך שטארקער ווי פריער. און **דאס איז געווען די גאנצע נקודה אין וואס כלל ישראל איז געווען פארנומען און זיך געקאכט אין די פערציג טעג פון ראש חודש אלול ביז יום הקדוש; זיי האבן געארבעט צו פארשטארקן דעם קשר פון "אני לדודי ודודי לי".**

פון דעם דארפן מיר פארשטיין וואס די עבודה פון א חודש אלול מיינט פאר אונז היינט אויך. **דער גאנצער מושג פון א חודש אלול איז מכיר צו זיין אין דער מציאות אז דער אויבערשטער איז אונזער טאטע און די שכינה הקדושה איז אונזער מאמע**, פארשטיין אז די נאנטקייט וואס דער אויבערשטער האט צו אונז איז ווי די נאנטקייט וואס א טאטע–מאמע האבן צו זייערס א קליין קינד. און אויב אזוי וועלן מיר טון אלעס אין דער וועלט צו פארשטארקן דעם געוואלדיגן קשר, **דאס הייסט, "אני לדודי ודודי לי".**

## די גרעסטע מתנה — עומק מחשבתו פונעם אויבערשטן

דערנאך איז געקומען דער הייליגער טאג **יום כיפור**, וואס דער אויבערשטער האט מוחל געווען כלל ישראל, און משה רבינו האט אראפגעברענגט די לוחות שניות. ווען כלל ישראל האט דאס געזען איז די שמחה געווען אין לתאר ואין לשער. **"דער אויבערשטער קומט צוריק צו אונז און מיר גייען בלייבן צוזאמען, לא יבריחו ולא יעלימו לא זה מזו ולא זו מזה!"**

די **נתינת הלוחות** האט געוויזן פאר כלל ישראל אז נישט נאר האט דער אויבערשטער זיי מוחל געווען און ער וועט זיי נישט אויסמעקן חלילה, נאר דאס האט ארויסגעוויזן דעם אמת'ן קשר און די אויסטערלישע אהבה וואס הערשט צווישן דעם אויבערשטן און כנסת ישראל אויף א פארנעם ווי קיינמאל פריער. ווייל אין דער תורה הקדושה **ליגט דער טיפסטער עומק און די ראשית המחשבה פונעם אויבערשטן**. און נאך דער געוואלדיגער עבודה וואס כלל ישראל האט אראפגעלייגט אין די פערציג טעג מחזק צו זיין דעם קשר צום אויבערשטן האט דער אויבערשטער זיי געזאגט, **"דאס גיב איך איבער פאר אייך!"**

דורכדעם איז נתגלה געווארן אז אידן ווערן אנגערופן **בנים למקום**, ווי ס'שטייט (תהילים קמז, כ), "לֹא עָשָׂה כֵן לְכָל גּוֹי וּמִשְׁפָּטִים בַּל יְדָעוּם", ווייל עומק מחשבתו של הקדוש ברוך הוא, דאס איז דער **גרעסטער אוצר** וואס דער אויבערשטער האט, און דאס איז נאר געגעבן געווארן פאר **זיינע געטרייע קינדער**. די גוים קענען נישט פארשטיין די תורה. די גוים וואס פרובירן צו לערנען אביסל תלמוד בבלי קענען נאר זאגן די ווערטער, אבער פארשטיין פארשטייען זיי א רעטעך, ווייל עומק מחשבתו של הקדוש ברוך הוא קענען זיי נישט פארשטיין.

## געטריישאפט ווייזט מען ארויס דורך יגיעה

פארדעם, ווען עס קומט צו לערנען די תורה פון די **לוחות שניות** גייט דאס נישט אין דעם זעלבן וועג ווי ס'איז געווען ביי די **לוחות ראשונות**. ביי די ערשטע לוחות וואס כלל ישראל האט מקבל געווען האט מען נישט געדארפט הארעווען מיט קיין יגיעה צו פארשטיין תורה; תורה איז דעמאלט אריין אינעם מענטש פון זיך, ווי חז"ל זאגן (עירובין נד.), אז ביי די לוחות ראשונות איז געווען די בחינה פון **"חָרוּת עַל הַלֻּחֹת"**, ס'איז געווען ווי אויסגעקריצט אויפ'ן הארץ, יעדער האט עס געקענט פון זיך, אן קיין יגיעה.

**אזא סארט תורה אן קיין יגיעה האט נישט לאנג אנגעהאלטן**; ס'איז געשען מיט דעם וואס ס'איז ליידער געשען. ווייל ווען ס'קומט אן קיין יגיעה **פעלט אין דער התקשרות צום אויבערשטן** וואס דארף זיין דורך לימוד התורה. ממילא, ביי די צווייטע לוחות גייט עס שוין נישט צו אויף אזא אופן, נאר צו קענען האבן א שייכות מיט דער תורה פון די **לוחות שניות** דארף מען זיך אויף דעם **מוטשען און הארעווען מיט יגיעה**.

און נישט פשט אז דער אויבערשטער וויל מ'זאל הארעווען לשם הארעווען אן קיין תכלית, נאר פארקערט, ווייל **נאר אזוי קען מען זוכה צו**

זכות הפצה במאנסי
הרב **שלום מאסקאוויטש** שליט"א
חדב"ן רבינו זי"ע

זכות הפצה בלעיקוואד
הרוצה בעילום שמו
לע"נ רבינו **שרגא פייביש** בן
רבי **אברהם יהושע העשיל** זצוק"ל


הלימוד בגליון לע"נ הרה"ח המפורסם מו"ה **טובי' יוסף** בן מו"ה משה ז"ל **לעפקאוויטש**

**עומק מחשבתו**, וואס איז געגעבן געווארן אין די לוחות שניות. מ'דארף געדענקען אז דער גאנצער אופן וואס אידן האבן מקבל געווען די לוחות שניות איז געווען דורך זיך שטארקן אין דער התקשרות צום אויבערשטן. און **אז דו ווילסט הייסן ווי א קינד צום אויבערשטן**, זוכה צו זיין צו עומק מחשבתו, **דארפסטו ארויסווייזן דיין געטריישאפט צום אויבערשטן אזויווי א קינד וואס האט א משונה'דיג געפיל צו טאטע-מאמע**.

## די ריכטיגע אהבה — ווען דער קינד קען נישט אליין

צו דער נקודה דארפן מיר זיך מרגל זיין אין די טעג פון **חודש אלול:** פארשטיין אז דער אויבערשטער האט א גאנץ אנדער בילד צום מענטש, **ער קוקט אן דעם מענטש ווי זיינס אן איינציג קינד**, און ער וויל אז דער מענטש זאל שפירן די נאנטקייט וואס ער האט מיט אים. און מיר דארפן וויסן אז דאס ארבעט פונקט ווי מיר זעען ביי א קליין קינד; ווען דאס **קינד איז נאך קליין**, אפילו עס קען נאך דעמאלט נישט רעדן קיין איין ווארט צו דער זאך, **איז עס אבער מעורר א משונה'דיגע אהבה ביי די עלטערן**, נאך אסאך מער ווי ווען דאס קינד וואקסט אויף און איז שוין מער זעלבסטשטענדיג.

די סיבה צו דעם איז ווייל די אהבה פונעם טאטן צום קינד ווערט נתעורר דייקא דעמאלט ווען דאס קינד קען זיך נישט אליין באכלעפטשען און **ער מוז צוקומען צום טאטן** אויף יעדן טריט און שריט. דאס וואס דאס קינד שפירט אז ער איז **אנגעוויזן אויף טאטע–מאמע**, און טאטע–מאמע זעען ווי דאס קינד איז דורכדעם שטארק צוגעבונדן צו זיי, דעמאלט ווערט **נשרש די שטארקסטע אהבה צום קינד**.

און ס'איז א דבר ידוע, אז נאר דורך דער אהבה וואס א קינד באקומט פון זיין טאטע–מאמע פון **קליינווייז אן - דאס בויט און אנטוויקלט א קינד**. דער **קוש וואס א מאמע גיט פאר'ן קינד** און דאס וואס זיינע עלטערן נעמען אים ארום מיט ליבשאפט – דאס גיט אריין דעם **כוח אז דאס קינד זאל וואקסן**, און אן וואס א קינד זאל דאס באקומען ווערט נישט דאס קינד אנטוויקלט ווי עס דארף צו זיין.

## אונז קענען גארנישט אן דעם אויבערשטן

ממילא, אזויווי די מציאות איז ביי א טאטע–מאמע, ווען זיי זעען ווי דאס קינד האלט זיך צוגעבונדן צו זיי, דאס ברענגט ארויס אן אהבה צום קינד וואס נאר דורך דער אהבה גייט דאס קינד קענען אויפוואקסן און זיך אנטוויקלען כראוי, **אזוי אויך זענען מיר, גרויסע מענטשן, כלפי דעם אויבערשטן**. מיר קענען זיך אויך נישט אליין באכלעפטשען אן דעם כוח אלוקי פונעם אויבערשטן בכל רגע ורגע, ווייל די אלע כוחות וואס א מענטש האט, ווי דער **כוח הדיבור**, דער **כוח הראיה** און אפילו א **פשוט'ער פינגער**, זענען דאך כוחות וואס מען קען דאס נישט קויפן אין קיין שום געשעפט אין דער גאנצער וועלט, נאר **דאס זענען דאך רוחניות'דיגע כוחות וואס ער באקומט שטענדיג פונעם אויבערשטן**.

**דורכדעם וואס מיר זענען מכיר אין דעם, אזוי זענען מיר מעורר די אהבה ביים אויבערשטן**. ווי דער **רמב"ם** (מורה נבוכים חלק ג', פרק נ"א) זאגט, אז דער קשר צווישן דעם מענטש און דעם רבונו של עולם ארבעט שטענדיג אויף אן אופן אז **"וויפיל א מענטש האט אינזין דעם אויבערשטן, אזויפיל האט דער אויבערשטער אים אינזין"**.

ווען א מענטש נעמט ביי זיך אריין אין קאפ אז ער איז שטענדיג אנגעוויזן אויפ'ן אויבערשטן בכל רגע ורגע און ער שטעלט זיך אוועק פאר'ן אויבערשטן מיט א מורא'דיגער געטריישאפט, ווי א קינד וואס וויל טון אלעס פאר'ן טאטן **מתוך אהבה, מתוך שמחה און מתוך התקשרות - דאס איז מעורר לעומתו א מורא'דיגע אהבה פונעם אויבערשטן צום מענטש**.

## וּבְךָ בָּחַר ה' לִהְיוֹת לוֹ לְעַם סְגֻלָּה

דער הייליגער **עבודת ישראל** (פרשת ראה) ברענגט אויפ'ן פסוק **"בָּנִים אַתֶּם לַה' אֱלֹקֵיכֶם"** אז ווען אידישע קינדער פירן זיך אויף ווי עס דארף צו זיין און דינען דעם אויבערשטן מיט א געטריישאפט איז זיך דער אויבערשטער משתעשע מיט זיי ווי א טאטע איז זיך משתעשע מיט זיינס א קליין קינד, און ווי ס'שטייט ווייטער אין פסוק, **"וּבְךָ בָּחַר ה' לִהְיוֹת לוֹ לְעַם סְגֻלָּה"**, פונקט ווי ווען א טאטע הייבט אויף זיין קינד מיט ליבשאפט ווערט דאס ווי א צורה פון א סגול – די צוויי הענט פון דעם טאטן פון אויבן, און דאס פנים פונעם קינד פון אונטן – און **דער טאטע אין הימל זאגט אונז, "וִהְיִיתֶם לִי סְגֻלָּה - איר זענט ממש אן אוצר גדול ביי מיר!"**

און בפרט ווען א איד זיצט און **לערנט תורת ה'**, איז דאס מעורר אן אויסטערלישע אהבה ביים אויבערשטן, ווי עס שטייט (שיר השירים א, ב), **"יִשָּׁקֵנִי מִנְּשִׁיקוֹת פִּיהוּ"**, דער רבונו של עולם קומט שטיין נעבן דעם מענטש און ער איז **מנשק זיין מויל** (ע' תולדות יעקב יוסף, עקב, ד"ה ואחר הצעה זו), און ער **נעמט אים ארום מיט גרויס ליבשאפט**.

דאס איז די עבודה פון חודש אלול. **מ'גייט אריין אין דעם חודש וואס אידן האבן אנגעפאנגען**



**מיט אן "אני לדודי ודודי לי" זיך צוצוגרייטן צו באקומען די מתנה פון מחשבתו של הקדוש ברוך הוא.** מ'גייט אריין אין א גוסטע פון א העכערקייט, א לעבעדיגקייט. מ'נעמט זיך אונטער זיך טאקע מחדש צו זיין מכל צד וצד, אויסניצן די טעג ארויסצואווייזן געטריישאפט און זיך מקשר זיין מיט'ן בורא כל עולמים.

## יום כיפור איז דער בעסטער טאג פונעם יאר

אזוי ארבעטן מיר במשך די פערציג טעג, אזויווי זיי האבן געארבעט אין די פערציג טעג, אלעס כדי אנצוקומען צו די ליכטיגע מינוטן פון **יום הקדוש**, ווען דאס קינד איז זיך אינגאנצן מייחד מיט'ן טאטן, **און מיר ווערן ממש פאראייניגט און אויסגערייניגט פון אלעמען**. יום הקדוש איז א טאג וואס מיר זענען זוכה צו דעם "**לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ**", דארפן מיר פארשטיין: וואס מיינט טומאה, און וואס מיינט טהרה? נאר די פוילישע ספרים זענען דאס מסביר (עי' שפת אמת אמור תרל"ג; שם פסח תרנ"ה, וע"ע פרי צדיק פסח שני אות ג'), אז **טומאה איז פשט ריחוק פונעם אויבערשטן, און טהרה מיינט קירוב ה'**.

ס'זענען דא אפשר אידן וואס קוקן אן דעם טאג פון **יום כיפור** ווי א געפערליכער טאג. דער אויבערשטער איז דן די מענטשן, און מען ציטערט פון דעם טאג. דארף מען וויסן אז




פונקט פארקערט; **יום כיפור איז דער בעסטער טאג פונעם יאר**. אזויווי דער אויבערשטער איז דעמאלט געקומען מיט א משונה'דיגער אהבה און געזאגט דעם "**סָלַחְתִּי כִּדְבָרֶךָ**" און אראפגעברענגט פאר כלל ישראל די לוחות שניות, **אזוי אויך היינט אין אזא זמן עפנט דער טאטע אויף פאר'ן קינד די צינורות החכמה, צינורות היראה**.

די בעסטע צייט פון יאר פאר א איד איז מוצאי יום הקדוש, ווען מיר גייען ארויס פון דעם הייליגן טאג. **יעדער איד פילט די ריינקייט, מ'פילט ווי מ'האט זיך ממש דערנענטערט צום אויבערשטן און זיך מייחד געווען אויף א הויכער מדריגה**. דאס ברענגט ארויס די גרעסטע שמחה פונעם מענטש, און מ'גייט ארויס מיט א פרייליכקייט. מ'פילט ווי א נייער מענטש, מ'האט זיך אויסגערייניגט ווי אין מקוה טהרה. און פונקט ווי א כשר'ע מקוה דארף האבן **פערציג סאה** וואסער, איז די טהרה פון "**לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ**", וואס מ'שפירט יום הקדוש, געבויט אויף דער עבודה פון התקרבות צום אויבערשטן וואס מיר לייגן אריין אין די **פערציג טעג** פון ראש חודש אלול.

## ימים נוראים איז נישט א יערליכע פראגראם

ווען מיר ארבעטן אויף א חודש אלול אויף אזא פארנעם, מיט דער ריכטיגער הכרה אז מיר זענען די בני האהובים פונעם אויבערשטן, **דעמאלט האט די עבודה פון די ימים הנוראים א קיום אויף ווייטער**. ווען נישט די הכרה זענען די הייליגע טעג ווי א יערליכע פראגראם, מ'ציט אן דעם עולם מיט א חודש אלול, סליחות, ראש השנה, יום כיפור, אבער גלייך נאך יום כיפור קומט מען אהיים צום אויספאסטן און דער קאפ פליט שוין ערגעץ אנדערש. פארדעם ווייסן מיר אז דער הייליגער **בארדיטשובער רב** האט נישט געוואלט אויספאסטן מוצאי יום הקדוש, ער האט געוואלט **בלייבן מיט דעם מורא'דיגן תענוג רוחני**, ער האט גלייך גענומען א גמרא מסכת סוכה און זיך אריינגעלייגט אין לערנען און פון **דעם תענוג האט ער געקענט לעבן אן קיין עסן**.

## נישט פאלן פאר די פלפולים פונעם בעל דבר

א טאג נאך יום כיפור וואלטן דאך די בתי מדרשים געדארפט ווערן פול, אז מ'זאל נישט קענען טרעפן קיין איבריג פלאץ אין בית מדרש. אוודאי, דער עולם איז פארנומען מיט גוטע זאכן, ס'זענען דא מצוות צו טון, ס'קומט סוכות, אבער דער אמת איז אז דער מענטש ווערט צעבראכן, ווייל שוין **קומט דער בעל דבר צו גיין** און ער זאגט פאר'ן מענטש אז דאס דאווענען איז נישט געווען פינקטליך וויאזוי עס דארף צו זיין, דאס האט נישט געטויגט און דא האסטו נישט אזוי אינזין געהאט; **ער האט גאנצע פלפולים פאר'ן מענטש, און אזוי לעשט ער אים אויס**.

אבער דא ליגט דער הונט באגראבן, ווייל **די אלע פלפולים זענען נישט אמת**. די קונץ פונעם מענטש איז צו וויסן אז ס'גייט צו **אזויווי ביי א טאטע–מאמע**, און אז ס'איז נישט געווען אזוי פינקטליך, א טאטע–מאמע פארשטייען א קינד אויפ'ן וואונק, **זיי פארשטייען זייער גוט וואס דער רצון איז געווען**, זיי ווייסן וואס מ'האט באמת געוואלט. מיר דארפן באמת גלייבן אז מ'האט אויפגעטון גדולות ונפלאות, און אזוי וואקסט דער מענטש און ארבעט ווייטער צו בלייבן צוזאמען מקושר מיט'ן אויבערשטן, אזויווי ס'איז געווען דעמאלט, אז ויהי ממחרת, א טאג נאך יום הקדוש האט דער אויבערשטער געזאגט אז מ'זאל בויען דעם משכן און ער גייט **קומען רוען ביי כלל ישראל און מיר גייען בלייבן צוזאמען, "לא יבריחו ולא יעלימו לא זה מזו ולא זו מזה"**.

דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאלן טאקע **גלייבן און שטייגן**, מיר גייען צוזאמען ווערן ליכטיגע נשמות, מיר גייען טאקע ווערן עבדים נאמנים לה' דורך מסירות נפש. און אזוי זאל דער אויבערשטער אונז אנערקענען אלס בנים, און **די התקשרות פון "אני לדודי ודודי לי" זאל משפיע זיין בלתי גבול און בלתי ערך**, מיר זאלן אלע אויפגעראכטן ווערן מיט שמחה ונחת און א **כתיבה וחתימה טובה**, מיר זאלן נאך היי–יאר זוכה זיין צו די ליכטיגע, זיסע זמנים און צו דער גאולה שלימה במהרה בימינו, אמן.


צו מנדב זיין די נעקסטע גליון אדער הפצה ביטע זיך ווענדן צום מערכת

| זכות פרנס הגליון | זכות הפצה בעיר | הפצה 2000 גליונות | הפצה 1000 גליונות |
|---|---|---|---|
| $1000 | $500 | $360 | $180 |

**קול שפה ברורה**
718-400-7750
א"י - 076-598-9014
ענגלאנד - 443-30-350-5779
צו הערן די דב"ק געדרוקט אונעם גליון דרוקט 6—6—2

**ברכת יישר כח והכרת הטוב**
מעומק לבינו פנימה הננו בזה להביע את רגשי תודתינו
לכבוד הגה"צ **אב"ד ריגליץ** שליט"א
ולבנו הרב **משה יוקל האראוויץ** שליט"א
על עזרתם החשובה והנאמנה שעמדו לימין מכונינו ופעלו במסירות ובמאור פנים בעת הצורך

**ברכת מזל טוב**
להרה"צ רבי
**משה האגער**
שליט"א
בן רביה"ק זי"ע
**אב"ד קאסוב וויליאמסבורג**
לרגל שמחת **אירוסי בנו**
בכורו הרב **שלמה** שליט"א
בשעטומ"צ

**ברכת מזל טוב**
לידידינו הר"ר
**שלמה אברהם קליינמאן**
שליט"א
משב"ק רביה"ק זי"ע
לרגל שמחת **אירוסי בתו**
למזל טוב בשעטומ"צ

**זוכת הפצה 2000 גליונות**
לע"נ רבינו **שרגא פייביש** בן **אברהם יהושע העשיל**
לזכות **שלמה צבי שאול** בן **מרים לאה**

**זוכת הפצה 1000 גליונות**
ידידינו היקר הר"ר **דניאל ווייס**
לרגל **הולדת בנו** למזל טוב

ארויסגעגעבן דורך
מכון שפה ברורה

פאר הערות והארות
אדער צו באקומען די גליון
אויף אימייל
**שיקט אן אימייל צו**
Office@mechonsb.com

**ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים:**

בארא פארק
**בבית מדרשנו הגדול קאסוב** 1353 55 st.
ביהמ"ד טאהש | ביהמ"ד שומר שבת
וויליאמסבורג
קיט"ל בית מנחם צבי לאקער #6 (אצל המקוה)-
בנין בראך לאקער #216 | ביהמ"ד קאסוב
לעיקוואד
ביהמ"ד קאסוב | ביהמ"ד קלויזענבורג
ביהמ"ד שבילי דוד

לינדען
ביהמ"ד נהורא דשרגא 511 Princeton Rd
מאנסי
ציון הק' של רבינו זי"ע בביה"ח וויזניץ
ביהמ"ד סאטמאר 1 לאקער #5
ביהמ"ד הגדול וויזניץ לאקער #183
קרית יואל
ביהמ"ד אהל פיגא | ביהמ"ד ישמח משה

ירושלים
בביהמ"ד סקווירא
גני גאולה — ביהמ"ד נחלת עקיבא
בני ברק
בית וויזניץ | בעלז בית פנחס
בית שמש
ביהמ"ד קאמרנא
חיפה
ביהמ"ד סערט וויזניץ ארונית #128

צו פארשפרייטן די גליון אין אייער ביהמ"ד אדער ישיבה לאזט א מעסעדזשביים מערכת אויף #0
לסדר מוקד הפצה בארה"ק יש לצלצל 053-310-5675